# זקניך ויאמרו לך

שמואל שלמה טעללער



## געקליבענע ערשט-האַנטיגע סיפורי צדיקים, שיחות קודש, יסודות'דיגע שמועסן און הדרכות

באַזירט לויט די פרשה און מאורעות הזמן

### אַ

## "כל עץ אצל מזבח ה' - יעדער צדיק איז זיך מקריב פארן אויבערשטן

עס דערציילט אונז הרה"ח ר' יושע ארי' גרינוואלד הי"ו:

איך האב געהערט פון הרה"ח **ר' ארון פרייליך ע"ה** וועלכער איז געווען א חשוב'ער איד מחשובי מתפללי ביהמ"ד עצי חיים סיגעט אין וויליאמסבורג - ער איז געווען דער מנכ"ל פון מוסדות קראסנא וואו איך בין געווען א מלמד לאנגע יארן, און ער פלעגט דערציילן אסאך סיפורי צדיקים וואס ער האט מקבל געווען פונדערהיים - אז דער ייטב לב זי"ע האט געהאט א שוחט וואס האט געהייסן הרה"ח **ר' אשר אנשיל גרין ז"ל**.

האט זיך געמאכט אמאל אז ר' אנשיל איז געווען אויף שבת אין א שטאט וואו הרה"ק **רבי מרדכי'לע מנאדבורנא זי"ע** איז געווען אויף שבת. במשך דעם גאנצן שבת איז ער נישט געגאנגען צו רבי מרדכי'לע וויבאלד רבי מרדכי'לע האט געהאט אן אינטערעסאנטן דרך וואס פארשידענע צדיקים האבן זיך ארויסגעשטעלט דערקעגן, האט ער נישט געוואלט גיין. אבער מוצאי שבת האט ער געטראכט ביי זיך 'צדיק זה בא לבית מלוני ויפטר בלא לינה?', און ער האט מחליט געווען צו גיין זען וואו מ'האלט ביי רבי מרדכי'לע.

ווען ער איז אריינגעקומען אין ביהמ"ד מוצאי שבת שפעט ביינאכט זעט ער ווי מ'גרייט זיך שוין צו מנחה... עס איז געווען שב"ק פר' ראה, און מ'האט געדארפט ליינען די קריאה פון פר' שופטים.

ר' אנשיל האט געטראכט ביי זיך, וויאזוי ליינט מען יעצט אין די תורה, עס איז חושך אפילה אין ביהמ"ד, מ'קען זיכער גארנישט זען אין די תורה, וואספארא סארט ליינען איז דאס?

נאך מנחה נעמט רבי מרדכי'לע דעם האנטוך אויף די פלייצע און ער גייט זיך וואשן צו שלש סעודות, תוך כדי כך גייט ער צו צו רבי אנשיל און ער זאגט אים "רבי אנשיל, איר האט געהערט וואס מ'האט געליינט דא היינט? מ'האט געליינט **לא תטע לך אשירה כל עץ אצל מזבח ה' אלקיך**.

דאס טייטשט **לא תטע** זאלסט נישט איינפלאנצן, לך, אז נאר דיין רבי איז א רבי, **אשירה**, דאס איז אן אשירה אזוי צו זאגן, נאר כל **עץ** יעדער צדיק, **אצל מזבח ה' אלקיך**, איז זיך גרייט מקריב צו זיין פארן אויבערשטן".

### עב

## ולא תקים לך מציבה אשר שנא

הגה"צ רבי שלמה זלמן פריעדמאן זצ"ל, דער טענקער רב, האט דערציילט:

באלד נאך די פטירה פונעם **קדושת יו"ט זי"ע**, ווען דער **עצי חיים** האט איינגעפירט א רייע מיט תקנות און תיקונים אין די שטאט, וואס צווישן זיי האט ער פארלאנגט אז מען זאל אראפנומען דעם אור-אלטן "מגן דוד" סימבאל וואס איז געווען אויפן שפיץ פון די שול.

די ראשי הקהלה פון יענע שול וואס זענען געווען פארכאפט אין ציונות האבן גע'טענה'ט אז דער מגן דוד שטייט שוין דא זייט מען האט געבויט די שול, און אויב עס האט נישט געשטערט פאר זיינע עלטערן וואס האבן אלע יארן געדאווענט אין די שול, דארף עס אים אויך נישט שטערן.

דער עצי חיים האט אבער גע'טענה'ט אז וויבאלד היינט צוטאגס איז דאס געווארן דער ציוני'סטישער סימבאל, דארף מען דאס אראפנעמען באציענדיג זיך אויף די ווערטער פון רש"י אויפן פסוק אין פר' שופטים **"ולא תקים לך מציבה אשר שנא ה' אלקיך, אעפ"י שהיתה אהובה בימי האבות עכשיו שנאה מאחר שעשוה אלו חוק לע"ז"**, אז אפילו א זאך וואס מ'האט אמאל מחשיב געווען, אויב האט מען עס אנגעהויבן נוצן פאר ע"ז, האט דאס דער רבש"ע פיינט, און די זעלבע זאך איז יעצט מיטן מגן דוד".

דער עצי חיים האט זיי געווארנט אז אויב נעמען זיי נישט אראפ דעם מגן דוד, דאן וועט ער נישט קומען שבת הגדול זאגן די דרשה אין די שול.

די חברה האבן נישט געוואלט פאלגן דעם עצי חיים. אבער יענעם שבת החודש האט זיך אראפגעלאזט א שלאקס רעגן באגלייט מיט שווערע שטורעם ווינטן, וואס האט אראפגעבראכן דעם מגן דוד און דאס צובראכן, והיה לנס.

האט דער עצי חיים געזאגט פארן ראה"ק "ביז יעצט ווען איך האב דיר געהייסן דאס אראפנעמען האסטו נישט געוואלט פאלגן, אבער יעצט האב איך זיכער דעם כח דיך צו הייסן אז דו זאלסט דאס נישט צוריקלייגן, און איך בין גוזר אויף דיר בגזירת מרא דאתרא אז דו זאלסט זיך נישט דערוואגן אזוי צו טון".

למעשה איז טאקע דער עצי חיים געקומען אין יענעם ביהמ"ד און דארט געזאגט די דרשה.

## עג

# על פי שנים או שלשה עדים

ס'האט דערציילט הרה"ח ר' דוד הויער ז"ל סגן ראה"ק דסאטמאר:

אויף שב"ק פר' שופטים תש"ט לפ"ק איז מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע געווען אין די קאנטרי ביי הרב מרדכי זעליג הוירש ע"ה, און ער איז געווען מיט'ן שארמאשער רב זצ"ל אין א דערבייאיגע קאנטרי, און צו שלש סעודות זענען זיי אריבערגעגאנגען צום רבי'ן.

מוצש"ק האט זיך דער רבי געזעצט אינדרויסן, צו שעפן פרישע לופט, און זיי זענען אויך דארט געווען. עס איז דערביי געווען א ירושלימ'ער איד וואס האט געזאמלט געלט בשליחותו פונעם בריסקער רב זצ"ל.

האט זיך דער רבי אנגערופן צו יענעם אז מסתמא זענען די פאליטיקאנטן געקומען פרעגן דעם בריסקער רב'ס מיינונג צי י.מ. לעווין זאל אריינגיין אין די ממשלה. האט יענער דערציילט אז מיט צוויי וואכן פריער איז א דעלעגאציע געווען ביים בריסקער רב רעדן איבער דעם ענין. און זיי האבן געטענהט אז עס איז נויטווענדיג צו טון שתדלנות צו ראטעווען די אידן וואס זענען אין די לאגערן אז זיי זאלן קענען פארן קיין אמעריקע וכדומה, און פאר דעם איז וויכטיג אז עס זאל זיין אינעוויינינג אן 'אונזעריגער' וועלכער וועט קענען אויפטון אין דעם הינזיכט.

האט ער דערציילט פארן רבי'ן, אז דער בריסקער רב האט זיך אנגערופן צו זיי: "אמת, מ'דארף טאקע האבן אינעוויינינג אן אונזעריגער, אבער עס איז פארט נישט קיין מציאות, ווייל איינמאל ער איז אינעוויינינג איז ער שוין נישט קיין אונזעריגער"...

דער רבי האט אויפגעשיינט ווען ער האט געהערט די ווערטער, און ער האט זיך אנגערופן:

"מיט דעם פארשטיי איך דעם פסוק אין די פרשת השבוע '**על פי שנים עדים או שלשה עדים יומת המת**', און חכמינו ז"ל זאגן אז אויב מ'איז מזים צוויי עדות'שאפטן זענען אלע מוזם, ווייל אז איינער איז צוזאמען מיט רשעים איז ער נידון כמותם, דאס זאגט דער פסוק "**כי השוחד יעוור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים**", לכאורה אויב האבן זיי גענומען שוחד זענען זיי דאך שוין מער נישט קיין צדיקים?

נאר די כוונה איז אז דער וואס נעמט שוחד דער איז פארקויפט און דערנאך וועט ער מסלף זיין די ווערטער פון די אמת'ע צדיקים, ווייל אז ער נעמט פון זיי געלט איז ער שוין א זייעריגער"...



הרה"ח ר' דוד הויער ז"ל טרעט אויף ביי א דינער
לטובת מוסדות רב טוב, אין מאנטרעאל

# Wedding Outdoors Revives Old Orthodox Jewish Custom

An old orthodox Jewish custom rarely observed in America was revived last night when a Brooklyn couple were married in the garden adjoining the Quincy Manor, 289 Quincy St., under a specially constructed canopy similar to the arbor used during the feast of Succoth. The canopy was built by Rabbi Mordecai Zelig Hirsch of the Ridgewood Synagogue.

The bride and groom were Miss Esther Bollak, daughter of Mr. and Mrs. Moses Bollak of 644 Bedford Ave., and Dr. Naftoli Herzel of 192 Penn St., a Viennese refugee, who came to the United States a year ago.

More than 250 wedding guests watched the ceremony through a wide doorway from the dining room. Rabbi L. I. Greenwald, former chief rabbi of Bergenland, Austria, assisted by seven other rabbis, officiated.

Dr. Herzel met his future wife several months ago when she waited on him in her father's religious book store on the East Side, Manhattan.

א צייטונג אויסשניט פון די בראשית יארן אין אמעריקע וואס מעלדט א חידוש אז הר"ר מרדכי זעליג הוירש ע"ה פירט אן א חתונה און שטעלט א געהעריגע חופה געגנוי ווי אין דער אלטער היים, און דער צעהלימער רב זצ"ל איז דער מסדר קידושין

## עד

# וכסף וזהב לא ירבה לו מאד

עס דערציילט הרה"ח ר' זלמן לייב אינדיג הי"ו:

מיין שווער - וואס איז מיר אויך געווען א פעטער - הרה"ח ר' מענדל גרשון פעלדמאן ז"ל האט מיר דערציילט אז זיין טאטע הרה"ח ר' שלום פעלדמאן ז"ל האט געוואוינט אין ווייטצען און ער פלעגט אסאך פארן צו **הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע** אויף שבתים, און ווען ער פלעגט נישט פארן אויף שבת איז ער געפארן אויף מוצאי שבת צו מלוה דמלכה, ער האט נאך געקענט אנקומען מיט'ן שנעל-צוג פון ווייטצען ביז קערעסטיר.

איינמאל איז ער געווען אויף שבת פרשת שופטים אין קערעסטיר, און ביים ליינען האט רבי ישעי'לע אויסגעלאזט פאר איינעם פון די עולים לתורה מיט'ן פסוק "**וכסף וזהב לא ירבה לו מאד**", דארט רעדט זיך וואו די תורה הק'ווארנט די קעניגן ביי די אידן אז זיי זאלן נישט זאמלען קיין סאך געלט, וואס וועט גורם זיין אז זיי זאלן ח"ו אוועקגעפירט ווערן פונעם דרך התורה.

ביי די סעודה האט דער עולם געשמועסט מיט וואונדער אז דער רבי האט דאס אויסגעלאזט פאר דעם איד, וואס לכאורה זעט דאס נישט אויס מיט קיין גוטע ענדע.

האט זיך דער זיידע אנגערופן אז מען זעט אין די תורה אז '**ירבה**' קען אויך זיין א לשון פון ווייטקייט, ווי למשל ביי פסח שני שטייט וכי '**ירבה' ממך הדרך** - אז דער וועג וועט זיין ווייט פאר דיר, ממילא קען מען טייטשן "**וכסף וזהב לא ירבה, ס'וועט נישט זיין ווייט דאס געלט**", דאס מיינט אז ער וועט יא האבן אסאך געלט. רבי ישעי'לע האט דאס געהערט און ער האט געשמייכלט.

איינמאל ווען דער זיידע איז געווען מוצאי שבת ביי מלוה מלכה, און רבי ישעי'לע האט געטיילט פאר'ן עולם טשאלנט, שיריים פון שבת, און

ער האט געוואלט געבן פאר'ן זיידן אויך, האט זיך דער זיידע פארענטפערט אז ער ליידט זייער אויפ'ן מאגן און ער קען יעצט נישט עסן קיין טשאלנט, האט אים רבי ישעי'לע געזאגט: "**עס דאס נאר אויף, ס'וועט דיר זיין צו רפואה**".

דער זיידע האט זייט דעמאלט מער נישט געליטן אויפ'ן מאגן.



**הרה"ח ר' מענדל גרשון פעלדמאן ז"ל**

עה

## וחקרת ודרשת היטב והנה אמת נכון הדבר...

עס דערציילט הרה"ג ר' קלונימוס זאב גפן שליט"א:

עס איז געווען ליל שב"ק כי תצא תשנ"ז לפ"ק, ווען **כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה מסאטמאר זי"ע** איז געווען ביים עריכת השולחן הטהור אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל, געווענליך פלעגט ער אין יענע תקופה זאגן קורצע דברי תורה, אבער די וואך ביי די תורה האט יעדער געווארט אבער דער רבי האט נישט אנגעהויבן צו זאגן.

נאך א שטיק צייט רופט זיך דער רבי אן: "**דער הייליגער שינאווער רב זאגט אין פ' שופטים עה"פ "וחקרת ודרשת ושאלת היטב והנה אמת נכון הדבר נעשתה התועבה הזאת בישראל**" אזוי: **'ודרשת היטב'** דו ווילסט זאגן א גוטן דרוש, **'והנה אמת'**, עס איז נאך אמת אויך, אבער אויב **'נכון הדבר'** אויב איז עס אנגעגרייט פון פאראויס, דאן **'נעשתה התועבה הזאת בישראל'**, ווייל אז מ'זאגט תורה פאר אידן דארף דאס אריינגעשיקט ווערן מן השמים און נישט אזעלכע חידושי תורה וואס מ'גרייט זיך אן פון פאראויס.

האט דער רבי געזאגט פאר'ן עולם בענות קדשו "עס איז מיר גארנישט איינגעפאלן, מ'האט מיר גארנישט געשיקט משמים, ממילא זאג איך נישט קיין תורה, אבער מ'קען נישט לאזן אידן מיט גארנישט - ס'איז געווען די וואך פון די יארצייט פונעם ייטב לב - האט דער רבי דערציילט א מעשה וואס דער ייטב לב שרייבט אין שו"ת אבני צדק (אבהע"ז סוף סי' נ"ו).

ווען דער ייטב לב האט געדרוקט זיין ספר האט ער געהאט חשק אריינצולייגן א תורה פון זיין שווער הגה"ק רבי משה דוד אשכנזי זצ"ל דער טאלטשעווער רב בעמח"ס תולדות אדם, אבער ער האט נישט געוואלט לייגן סתם א תורה, האט ער געזוכט צו מחדש זיין א חידוש מיט די הקדמות פון זיין שווער, אזוי וועט דאס געדרוקט ווערן אין ייטב לב. למעשה איז נישט געווארן קיין חידושים אויף די הקדמות, האט ער געשיקט דעם ספר צום דרוק אן קיין חידושים פונעם שווער.

ווען עס האט שוין געהאלטן נאנט צו דעם אז דער ספר זאל פארטיג ווערן האט מען געשיקט א טעלעגראם פונעם דרוקער צום ייטב לב אז מ'האלט פאר פ' האזינו, און עס איז נישטא קיין פאפיר צו ענדיגן דעם ספר ביז'ן סוף.

דער ייטב לב האט געהאט דערפון גרויס חלישות הדעת, האט ער זיך מתבונן געווען פארוואס האט מען אזוי געפירט מן השמים, אפשר איז דאס א הקפדה פונעם שווער דער טאלטשעווער רב ווייל ער ברענגט אים נישט אין ספר וחייב אדם בכבוד חמיו, האט ער נאכגעשיקט עטליכע תורות פונעם שווער אז מ'זאל דאס צולייגן צום ספר, האט ער צוגעשריבן אין פ' האזינו און פ' ברכה דריי חידושים וואס דער טאלטשעווער רב שרייבט אין ספר באר שבע, און ווי נאר ער האט דאס געטון איז אנגעקומען פאפיר צום דרוקן.

די מעשה האט דער רבי דעמאלט דערציילט במקום דברי תורה.

עו

## אליו תשמעון

עס האט דערציילט הרה"ח ר' משה הכהן גליק ז"ל:

איך האב ב"ה זוכה געווען צו קענען מערערע מאל מחיה צו זיין דעם **סאטמארער רבי'ן זי"ע** אין די לעצטע יארן ווען ער איז שוין געווען שוואך.

עס איז געווען אין די יארן ווען דער רבי האט געוואוינט אין קרית יואל פלעג איך קומען צו פארן זייער אפט, עס איז געווען א תקופה וואס איך בין געווען יעדע נאכט אינדרויסן ביים רבי'ן.

נאך מנחה מעריב פלעגט דער רבי גיין שפאצירן אינעם גארטן נעבן זיין שטוב, דער רבי פלעגט זיך נישט איינמאל אומקוקן און פרעגן "וואו איז משה?", ער האט הנאה געהאט צו שמועסן מיט מיר ביי די שפאצירן.

עס זענען געווען תקופות ווען דער רבי האט נישט געהאט קיין כח, ער איז געווען מיט א שטארקע חולשה, און ער האט נישט געוואלט גיין שפאצירן. איינמאל רופט מיך די רביצין ע"ה, זי איז געווען זייער באזארגט אז דער רבי וויל נישט גיין שפאצירן, און זי האט געבעטן אז איך זאל זען וואס איך קען טון אז דער רבי זאל וועלן ארויסגיין שפאצירן.

איך האב גענומען די קוראזש און איך בין צוגעגאנגען צום רבי'ן און געזאגט "עס איז א שיינע צייט אינדרויסן דער רבי זאל ארויסקומען שפאצירן". און איך האב אזוי ארומגענומען דעם רבי'ן מיט מיין ארעם, דער רבי האט זיך צושמייכלט און ער האט מסכים געווען ארויסצוגיין שפאצירן.

ווען מיר זענען געווען אינדרויסן אינעם גארטן זאג איך פאר'ן רבי'ן אז כ'האב יעצט געלערנט א ספר "**מאמר קדישין**" דברי תורה פון הגה"ק רבי ר' הערש מ'רימנוב זי"ע וואס איז אפגעשריבן געווארן דורך בנו הגה"ק רבי נתן לייב זצוק"ל, און עס האט דארט פארשידענע שיינע דברי תורה וואס זענען מקובל פון צדיקים:

שטייט אין פסוק אין פר' שופטים "**נביא מקרבך אקום לך כמוהו יקום לך ה' אלקיך אליו תשמעון**", זאגט ער בזה"ל "**הקב"ה מבטיח זאת לישראל שיעמוד להם בכל דור ודור צדיק כזה אשר אליו תשמעון, והוא ג"כ הבטחה ולא ציווי בלבד**".

דאס איז א הבטחה פון באשעפער אז עס וועט אלעמאל זיין א נביא ווי משה רבינו וואס וועט האלטן דעם דור, און ביי אים וועט זיין 'אליו ישמעון'.

ער פירט אויס אז די תורה האט ער מקבל געווען "**משם רבינו הק' רשכבה"ג רבי שלום רוקח זצוק"ל אבד"ק בעלזא זי"ע ועכי"א בשם הרב הגאון הקדוש איש אלקים קדוש רשכבה"ג מצאנז**". דער רשכבה"ג רבי שלום בעלזער זי"ע זאגט נאך דאס ווארט פון רשכבה"ג מ'צאנז זי"ע.

דאס האב איך איבערגעזאגט פאר'ן רבי'ן, נאכדעם האב איך ווייטער געזאגט פאר'ן רבי'ן "**ווען איך האב געלערנט דעם ספר איז מיר איינגעפאלן**

**א גוט ווארט, "אליו" תשמעון, אלי"ו איז די אותיות יוא"ל, דעם רבינ'ס נאמען איז דא מרומז, דאס איז א רמז אז אין דעם דור, חכמינו ז"ל זאגן דאך אין מס' עבודה זרה אז דער אויבערשטער האט געוויזן פאר אדה"ר "דור דור ודורשיו", אלעס האט מען שוין געזען פון אנהייב בריאת העולם ווער עס וועלן זיין די צדיקים אין יעדן דור, דער צדיק וואס בדורינו איז 'אליו תשמעון' איז דער רבי.**



הגאון האדיר רמ"ד סאלאווייטשיק זצ"ל ביים מעיין זיין אינעם ספר "זקניך ויאמרו לך"

איך האב געזען אז דער רבי האט עס געהערט, אבער ער האט מיר נישט געענטפערט גארנישט, האב איך זיך געטרויט און ווייטער געפרעגט "דער רבי זעט נישט ווי יעדער, אלע צדיקים האבן זיך טועה געווען בעניני ציונות אויסער דער רבי? איז דען א שאלה וועמען דער **'אליו תשמעון'** מיינט".

דער רבי האט נאר געזאגט אין קורצן "**צדיקים האבן נישט קיין טעות**". ער האט נישט מסביר געווען וואס עס איז געווען זיין כוונה מיט די ווערטער.

עז

## לא תסיג גבול אשר גבלו הראשונים

עס דערציילט הרה"ח ר' משה יחזקאל קארפען הי"ו:

נאך די הסתלקות פון מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע כ"ו מנחם אב תשל"ט, איז הגה"ק רבי משה ארי' פריינד ז"ל געקומען צו פארן צו די הקמת המציבה וואס איז אפגעהאלטן געווארן ככלות השבעה א' תצא.

יענעם שב"ק - היות זיין פלומעניק הרה"ח ר' ישראל ניימאן ז"ל פלעגט זיין איבער'ן זומער אין מיידל קעמפ - איז דער ירושלימ'ער רב געפארן צו מחנה רב טוב, צו די באנגעלאו פון ר' ישראל, און געוויילט דארט שבת.

דער ציבור איז געווען שבור ורצוץ, יעדער איז געווען אזוי צעקלאפט, און מען האט נישט געזען וויאזוי מען זאל קענען אנגיין, איז געקומען דער מנהל פון בית רחל הרה"ח ר' בנימין הערש בערקאוויטש ז"ל און ער האט געבעטן אז דער רב זאל זאגן עפעס דברי חיזוק פאר די מיידלעך.

אבער רבי משה ארי' האט דאס אפגעזאגט, זאגנדיג אז ער האט נאך קיינמאל נישט גערעדט פאר קיין מיידלעך און פרויען, אבער רבי בנימין הערש האט נישט מוותר געווען טענה'דיג אז עס איז א צורך השעה און א יוצא מן הכלל, ביז ער האט זיך געלאזט איינבעטן און ער האט אויפגעטרעטן מיט א דרשה צו די תלמידות המחנה.

האט ער דעמאלט געזאגט א קורצן שמועס פאר די תלמידות וואס דער תוכן הדברים איז געווען:

**"די וואך אין די סדרה שטייט** (פר' שופטים) **'לא תסיג גבול רעך אשר גבלו הראשונים', דאס איז א רמז אז מ'זאל זיך נישט אוועקרוקן פון די גבולות וואס די פריערדיגע צדיקים האבן אוועקגעשטעלט, נאר מיט דעם וועלן מיר קענען האבן א חיזוק און א קיום צו קענען אנגיין ווייטער".**

עח

## "עינינו לא ראו" איז נישט קיין תירוץ

עס האט דערציילט הרה"ח ר' חנני' יו"ט ליפא מערץ ז"ל:

איך בין דערביי געווען ביי די מעשה, נאך אינדערהיים אין קראלי בשנת תרצ"ט לפ"ק אין די תקופה וואס איך האב געלערנט אין די ישיבה פון הגה"צ רבי שמואל גרויס זצ"ל, דארט האט געוואוינט א איד מיט'ן נאמען ר' ב. ד., ער איז געווען פונעם רבינ'ס חסידים. ער האט געהאט א בעקעריי. די ישיבה האט אויך געקויפט ביי אים ברויט אד"ג.

אין יענע צייט האבן מיידלעך אין שטאט זיך ארגאניזירט אין א קבוצה, און געמאכט א כמו 'בית יעקב'. אלס אנפירערין פון די קבוצה, האט מען געשטעלט א טאכטער פון דעם ר' ב. פארשטייט זיך, אז די גאנצע קבוצה איז נישט געווען לרוחם פון די חסיד'ישע אידן. מען האט טאקע מעורר געווען דעם ר' ב. דערויף. און זיין טאכטער האט זיך אפגעלאזט דערפון.

פונקט דעמאלט איז דער רבי געווען אין קראלי, ער איז געקומען אויף שבת פ' אמור תרצ"ט. די אכסניא איז געווען בבית הרה"ח ר' אהרן הערש ווייס ע"ה - פאטער פון ר' ישראל דוד ווייס ע"ה - איך בין געווען היימיש דארטן אין שטוב, ווייל איך האב דארטן געגעסן א 'טאג'.

זונטאג פ' בהר-בחוקתי איז געווען ל"ג בעומר. דער רבי האט געפירט דעם 'טיש' בבית האכסניא. מיט 'בר יוחאי' האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' יוסף לייב ווערצבערגער שו"ב ע"ה - פאטער פון ר' יקותיאל הערש ווערצבערגער ע"ה - ער האט געזינגען דעם 'בר יוחאי ניגון' פונעם קדושת יו"ט זי"ע, וואס מען זינגט ביי אונז יום טוב, אויף 'מלך רחמן'.

מען האט דערציילט פאר'ן רבי'ן וועגן די קבוצה מיידלעך, און אז ר' ב.'ס טאכטער פירט עס אן. דעם רבי'ן האט עס געארט.

ל"ג בעומר, נאכ'ן טיש איז ר' ב. געקומען. ער האט זיך מזכיר געווען ביים רבי'ן זי"ע. דער רבי האט אים דאן פארגעהאלטן אויף זיין טאכטער'ס אקטיוויטעטן. ר' ב. האט גע'טענה'ט אז זי האט שוין גארנישט דערמיט, און אפילו בעפאר דעם, האט ער אויך פון גארנישט געוואוסט.

דער רבי האט אים געפרעגט "אפשר איז זי טאקע נישט פרעזידענט, אבער אפשר יא ראש הקהל?... אפשר א גבאי... אדער כאטש א קהל'ס מאן איז זי יא?..." האט ער געענטפערט אז ניין, זי האט שוין גארנישט דערמיט, און אויף פריער האט ער אויך גארנישט געוואוסט.

האט דער רבי דעמאלט געזאגט:

**"יעצט פארשטיי איך שוין א פסוק אין די פרשה פון 'עגלה ערופה'. נאך דעם וואס מען האקט אפ דעם קאפ פונעם קעלבל, האבן די כהנים געדארפט זאגן** (דברים כ"א ז') **"וענו ואמרו ידינו לא שפכה את הדם הזה ועינינו לא ראו כפר לעמך ישראל וגו'". איז דאך שווער, וויבאלד זיי זאגן ועינינו לא ראו, מיר האבן גארנישט געזען, וואס דארפן זיי בעטן כפר לעמך ישראל, וואס דארפן זיי א כפרה, זיי האבן דאך ניטאמאל געזען. נאר, יעצט פארשטייט מען, אז די בית דין דארף א כפרה, ווייל א בית דין דארף יא וויסן און זען וואס אידישע קינדער טוען. די זעלבע זאך א טאטע, דארף יא וויסן און זען וואס זיינע קינדער טוען, און האבן א השגחה אויף זיי".**